# פרשת ויקהל י"ט – כ"ה אדר א' תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקהל***

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל הישיבה גדולה, ביחד עם תלמידי הישיבה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ב סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** די פרשה די פאריגע וואך איז געווען די ענין פון חטא העגל. יודען האבען געזעהן כי בשש משה לרדת מן ההר (שמות לב-א). די גמרא (שבת פט.) דרשנט, כי בא שש. משה רבינו האט געזאגט אז ער קומט אראפ צו פערציג טאג, צו די זעקס שעה. און זיי האבן געהאלטן אז די טאג וואס ער איז ארויפגעגאנגען, אפילו ער איז ארויפגעגאנגען נאכמיטאג, ווערט שוין גערעכנט פאר איין טאג, איז ממילא לויט זייער חשבון האט זיך געענדיגט די פערציג טאג מיט א טאג פריער, און משה רבינו דארף אראפקומען מיט א טאג פריער. משה רבינו האט אבער געמיינט גאנצע פערציג טאג, איז ממילא קומט ערשט אויס דער חשבון אויף א טאג שפעטער. כי בא שש, ווען עס איז געקומען די זעקס שעה און ער איז נישט אראפגעקומען, זענען זיי געגאנגען און זיי האבן געבעטן צו מאכען א עגל, כי זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים לא ידענו מה היה לו.

**איך** האב געזעהן אין ספר **שם דוד**, פון **רבי דוד אופנהיים זצ"ל**, אז ער זאגט נאך א טעם, פארוואס עס איז געלונגען, אז דער שטן האט אנגעדרייט דעם חטא, אז עס זאל זיין אין די זעקסטע שעה. ווייל די גמרא (שבת פט.) זאגט, אז דער שטן האט זיך ארומגעדרייט צווישן יודען, און ער האט געפרעגט וואו איז משה. האט מען אים געזאגט, אז ער איז ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל. האט ער געזאגט, משה מת, משה רבינו איז געשטארבען. האבן זיי זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. האט ער געברענגט א פינסטערניש אויף די וועלט, און ער האט געוויזען אזוי ווי א צורה פון א מטה, אז משה רבינו איז געשטארבען, און דאס האט אנגעדרייט אז מען זאל מאכן דעם עגל.

**זאגט** דער **שם דוד**, אז די גמרא (יבמות קכב.) זאגט, אז ווען מען גייט אדורך נעבן א בור, און מען הערט א קול פון איינעם וואס זאגט, אז ער הייסט אזוי און אזוי, און איך גיי דא אויס אינווייניג אינעם בור, גיט א גט פאר מיין ווייב. די צוויי מענטשען וואס האבען עס געהערט, זענען זיי שלוחים, און זיי מעגן גיין שרייבען א גט, און איבערגעבן א גט פאר איר, און זי איז מגורשת. פרעגט די גמרא, ווי אזוי ווייס איך אז עס איז געווען א מענטש וואס האט עס געזאגט, אפשר איז עס געווען א שד. זאגט די גמרא, אז זיי האבן אריינגעקוקט אינווייניג אינעם גריב, און זיי האבן געזעהן א צורת אדם. פרעגט די גמרא, א שד קען זיך פארשטעלן פאר א אדם, ווייסט מען דאך ווייטער נישט. זאגט די גמרא, אז זיי האבן געזעהן אז ער האט געהאט א שאטן, און נאר א מענטש האט א שאטן, און א שד האט נישט קיין שאטן. פרעגט די גמרא, א שד האט אויך א שאטן. זאגט די גמרא, א מענטש האט צוויי שאטענס, ער האט א צל, און פון די צל חזר'ט זיך איבער נאך א דינערע צל. דער צווייטער שאטן איז נישט דא ביי קיין שד, ער האט נאר איין צל, און נישט מער. קומט אויס, אז ווען מען וויל דערקענען צו איינער איז א מענטש, צו ער איז נאר א שטן, צו א שד, און עס איז משמע אז א מלאך האט אויך די זעלבע נטיה, קען מען עס דערקענען אינעם שאטן. טאמער האט ער א שאטן, איז א סימן אז ער איז א מענטש, אבער טאמער ער האט נישט קיין שאטן, איז א סימן אז ער איז נישט קיין מענטש.

**ווען** דער שטן האט זיך ארומגעדרייט דארט צווישן יודען, פארוואס האבן זיי נישט געטראכט, אפשר איז עס נאר דער שטן. און מען וואלט געדארפט קוקען אויף אים, צו ער האט א שאטן, אדער נישט. טאמער וועלן זיי זעהן אז ער האט א שאטן, וועלן זיי וויסן אז ער איז א מענטש. און אויב נישט, איז ער א שד. אבער אזוי ווי עס איז געווען זעקס שעה אינעם טאג, און אינמיטן טאג איז נישט דא קיין צל, איז ממילא האבן זיי נישט געקענט כאפן וואס ער איז, ממילא ווען עס איז געווען כי בא שש, ווען עס איז געקומען די זעקסטע שעה, דעמאלטס האט דער שטן געטראפן א פלאץ וואו מען וועט נישט קענען מברר זיין וואס ער איז, ממילא האט ער צוגערעדט אז משה רבינו איז געשטארבען.

**מען** קען צוגעבן דערצו, אז מען געפונט אזוי ענליך ביי אברהם אבינו, וירא אליו ה' באלני ממרא, והוא יושב פתח האהל כחום היום (בראשית יח-א). און ווי די גמרא (בבא מציעא פו.) ברענגט, הוציא הקב"ה חמה מנרתיקה, און קיינער איז נישט ארומגעגאנגען, וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו, ער האט געזעהן ווי דריי מענטשען שטייען, וירא וירץ לקראתם. און רש"י פרעגט, וואס זענען די צוויי וירא'ס, ער האט צוויי מאל געזעהן. נאך דארף מען פארשטיין, קיינער איז דעמאלטס נישט ארומגעגאנגען אויף די גאס, און אינמיטן זעהט אברהם אבינו ווי דריי מענטשען קומען. פארוואס האט ער נישט געטראכט, אז אפשר זענען זיי שדים, אפשר זענען זיי מלאכים. פארוואס האט ער געזאגט, והנה שלשה אנשים נצבים עליו. זאגט ער, וירא וירא, ער האט געקוקט וואו דער שאטן איז, און ער האט געקוקט וואו דער בבואה דבבואה איז, ממילא האט ער געוואלט מברר זיין וואס זיי זענען. אבער עס איז דאך געווען כחום היום, עס איז געווען אינמיטן פונעם טאג. און אינמיטן פונעם טאג איז נישט דא קיין שאטן. קומט אויס, אז ער האט נישט געקענט מברר זיין דורך די ראיה ווער זיי זענען, האט ער געמיינט אז עס איז שלשה אנשים נצבים עליו.

*

**נאכדעם** וואס מען האט געמאכט דעם עגל, האט אהרן זיי געזאגט, חג לה' מחר (שמות לב-ה), מארגען וועט זיין א חג פארן אייבערשטען. די מפרשים שטעלן זיך, מילא אז ער האט געמאכט די עגל, ווייל ער האט נישט געהאט קיין ברירה. ער האט נישט געוואלט מען זאל אים הרג'ענען, און עס זאל מקוים ווערן אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא (איכה ב-כ). אבער וואס איז דער חג לה' מחר, מארגען וועט זיין דער חג לה'. ווי אזוי קען זיין, אז מען האט געמאכט א עגל, און מען גייט דינען עבודה זרה, און אהרן הכהן זאל זאגן, אז עס וועט זיין א חג לה' מחר.

**עס** קען זיין. זיי האבן דאך געהאט א טעות אין די פערציג טאג וואס משה רבינו האט געזאגט אז ער קומט אראפ. זיי האבן געטראכט אז דער ערשטער טאג ווערט אויך אריינגערעכנט אינעם מנין, און דערווייל רעכנט מען נאר די טעג וואס האט געהאט יום ולילה, א נאכט מיט א טאג, און די ערשטע טאג האט נישט געהאט נאר אפאר שעה פון בייטאג, עס האט נישט געהאט די נאכט מיט זיך.

**מען** געפונט ביי מתן תורה אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז מען זאל זיך מקדש זיין היום ומחר (שמות יט-י), היינט און מארגען. און משה רבינו האט צוגעגעבן יום אחד מדעתו, ווייל ער האט געזאגט, אז דער היום דארף זיין אזוי ווי מחר, און מחר איז דאך לילו עמו, דארף זיין דער היום אויך לילה עמו (שבת פז.). קומט אויס, אז זיי האבן שוין געהאט א הוראה פון משה רבינו, אז ווען מען רעדט פון טעג, דארף זיין לילה עמו. און דא איז דאך נישט געווען לילה עמו. פארוואס האבן זיי געהאט א טעות, און זיי האבן געזאגט, אז דער טאג ווערט גערעכנט.

**האט** אהרן זיי געזאגט, עטץ מאכטס דעם עגל? 'חג לה', קוקטס צוריק ביי דעם חג פונעם אייבערשטען, ווען מען האט אונז געגעבן די תורה, האט דער אייבערשטער געזאגט היום ו'מחר', און וואס איז דער טייטש פון מחר, אז עס דארף זיין יום ולילה עמו, ממילא פארוואס קומט עטץ אז מען זאל מאכען דעם עגל, ווייל משה רבינו איז נישט אראפגעקומען, דער יום ומחר איז נאכנישט אדורכגעגאנגען, עס דארף דאך זיין א יום מיט א לילה צוזאמען. פון דעם חג לה' וואס איז געווען ביי מתן תורה, וואס דארט האט דער אייבערשטער געזאגט, היום ומחר, פון דארט קענט עטץ אראפלערנען, אז עס איז נאכנישט געקומען די צייט אז משה רבינו זאל אראפקומען. מיט דעם האט ער זיי געוואלט מונע זיין, אז זיי זאלן נישט מאכען דעם עגל.

*

***יום שני פרשת ויקהל***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב אדלער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה מנחם אדלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **זלמן**

**לייב בוכינגער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויקהל***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל המסיבה לטובת הכולל בבארא פארק, שהתקיים בבית הר"ר **אהרן אלי' גאטעסמאן** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא פון רבי אהרן אלי' זאל זיין געזונט, וואס האט געמאכט זיין שטוב פאר א אכסניא של תורה, מחנך געווען א נייע דירה מיט א דבר שבקדושה, מחזק צו זיין די לומדי תורה, וואס איז איינס פון די שלשה דברים שהעולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-ב). און דאס איז די שותפות אויף די וועלט, עס דארפן זיין לומדי תורה, און עס דארפן זיין גומלי חסדים, וואס איינער זאל ארויסהעלפן דעם צווייטען, אזוי ווי יששכר מיט זבולון. יששכר איז געזעסן און געלערנט, און זבולון האט אים מחזיק געווען.

**איך** וועל זאגן א געדאנק אין דעם שיעור וואס מען לערנט יעצט אין די חבורה פון **'ובהם נהגה'** (יומא טו.). די סדר פון די עבודה ווי אזוי עס איז געווען אין בית המקדש, איז הדלקת המנורה געווען די לעצטע עבודה וואס מען האט געטון בייטאג. דאס איז די איינציגסטע עבודה וואס איז כשרה מערב עד בוקר, און נאכדעם האט מען נישט געקענט טון א עבודה. די עבודה פאר הדלקת הנרות, איז געווען קטורת, מען האט מקטיר געווען קטורת. פאר קטורת איז געווען הטבת הנרות. אין הטבת הנרות אליין, איז דא א מחלוקת צו מען האט קודם מטיב געווען אלע נרות, און נאכדעם האט מען מקטיר געווען די קטורת, און מען האט נאר מפסיק געווען אינמיטן די הטבה מיטן דם התמיד וואס מען האט זורק געווען, און ווען מען האט געענדיגט די הטבה איז געקומען די קטורת, און נאכדעם איז געקומען די הדלקת מנורה. אדער האט מען מקטיר געווען די קטורת אינמיטן די הטבה.

אבער לויט יעדן איינעם איז קטורת געווען צווישן די הטבת הנרות, און הדלקת הנרות. תמצית הדברים, פאר מען האט אנגעצינדען די מנורה האט מען געדארפט מטיב זיין די נרות, און די לעצטע דריי עבודות איז געווען, הטבת הנרות, נאכדעם איז געווען די קטורת, און נאכדעם איז געקומען די הדלקת הנרות. פארוואס האט מען עס אזוי איינגעטיילט, אז די קטורת איז געווען אינדערמיט. עס איז דאך געווען איין ענין, מען דארף צינדען די מנורה, און צו צינדען די מנורה דארף מען קודם מטיב זיין די נרות. פארוואס האט מען מפסיק געווען צווישן די הטבת הנרות, און די הדלקת הנרות, מיט מקטיר זיין די קטורת. אין אלעם ליגט דאך א רמז מוסר, וואס מען דארף זיך אראפלערנען דערפון.

**די** מנורה דאס ווייזט אויף די לומדי תורה, תורה ווערט אנגערופן ליכטיגקייט, כי נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). די שבעה קני המנורה זענען אקעגן די תורה וואס איז זיבן ספרים (שבת קטז.), חצבה עמודה שבעה (משלי ט-א). חכמת התורה דאס איז די מנורה. די הדלקת המנורה אינעם משכן און אינעם מקדש שפעטער, איז געווען די סימבאל פון תורה, וואס דער כהן האט עס מדליק געווען. און כדי אז די מנורה זאל לייכטן, די לומדי תורה זאלן קענען לערנען, פארלאנגט זיך קודם הטבת הנרות, מען דארף אויסרייניגן די נרות, כדי אז מען זאל עס קענען מדליק זיין. יעדער תלמיד חכם דארף זיך אויסארבעטן זיינע מדות, זיך אויסארבעטן אין סור מרע ועשה טוב. אוועקנעמען קודם די פסולת וואס איז דא, מען איז מטיב די נרות, נאכדעם קען מען אריינלייגען שמן, און מען זאל עס קענען מדליק זיין. איז געווען אין די מנורה הטבת הנרות מיט הדלקת המנורה, ווייל דאס איז דער וועג פון א תלמיד חכם. מען דארף קודם מטיב זיין די נרות, און נאכדעם דארף מען עס מדליק זיין.

**ביי** די קטורת איז געווען חדשים לקטורת בואו והפיסו (יומא כו.). קטורת האט געברענגט עשירות, און מען האט נישט איבערגעגעבן די עבודה פון קטורת פאר איין כהן, צו טון צוויי מאל, כדי יעדער זאל זוכה זיין אין עשירות. קומט אויס, אז יששכר דאס איז דאך די מנורה, און קטורת דאס איז דער סימבאל פון זבולון. דער זבולון דארף זיין אריינגעבויט אין די מנורה צווישן די הטבת הנרות

און די הדלקת הנרות. דאס איז דער וועג ווי אזוי א תלמיד חכם וואקסט אויף, אז ער איז מטיב די נרות, און ער טוט אנצינדען די מנורה. אבער אינווייניג מוז זיין א קטורת, א עושר, וואס ער זאל דאס צוהעלפן און מחזיק זיין. יששכר קען נישט עקזיסטירן אן זבולון, און זבולון'ס זכות אויף די וועלט קען נישט עקזיסטירן אן יששכר. איז געווען אויסגעשטעלט די עבודה אינעם בית המקדש, אז די לעצטע עבודה איז געווען די קטורת מיט די מנורה, דאס איז דער עמוד התורה מיטן עמוד פון גמילת חסדים, אז דער עושר דארף זיין ארומגענומען פון אלע זייטן מיט דעם תלמיד חכם. צווישן די הטבת הנרות און די הדלקת המנורה דארף אריינקומען די קטורת, וואס אויף דעם האט דער אייבערשטער געגעבן די ברכה פאר דעם וואס האט מקטיר געווען די קטורת, אז ער זאל קענען מחזיק זיין תורה.

**אז** עס קומען זיך צוזאם עוסקי תורה און לומדי תורה מיט די וואס זענען מחזיק די תורה, האט עס א געוואלדיגען חשיבות. די וואס העלפן צו, אז תורה זאל קענען ווייטער בליען, וואס אין לנו שיור רק התורה הזאת, אין אזא שווערן דור וואס מען לעבט היינט, איז נישט דא עפעס אנדערש, אויסער תורה. וואויל איז דעם וואס קען זיצן און לערנען, בלייבען באהלה של תורה, און ווער עס קען נישט בלייבען באהלה של תורה, האט כאטש על כל פנים די חלק, אז ער ווייסט אז ער איז מחזיק דעם וואס זיצט און לערנט, ווייל דארט ליגען אלע ברכות.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מדליק זיין די נרות, און וואקסען תלמידי חכמים. דער באשעפער זאל געבן, אז עס זאל זיין אסאך פון די קטורת, און מען זאל קענען זוכה זיין מחזיק צו זיין תורה. אין דעם זכות וואס מען לערנט תורה, און מען איז מחזיק תורה, זאלן מיר זוכה זיין, דער בית המקדש זאל ווערן אויפגעבויט, און מיר וועלן קענען מדליק זיין די מנורה פונעם בית המקדש. איך וויל וואונטשען פארן בעל האכסניא, אז ער זאל האבן אסאך ברכה און הצלחה, און קענען זיין א מנורה אליין, און קענען זיין די קטורת,ביידע צוזאמען, תורה וגדולה במקום אחד. ער זאל קענען מחנך זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

משם נסע **רבינו שליט"א** בחזרה לוויליאמסבורג והשתתף אצל הוואכנאכט של בן הרב **מאיר ישראל איסר לודמיר** שליט"א (בן הרה"ג **רבי עקיבא לודמיר** שליט"א אב"ד פרעשבורג), שהתקיים בבית חותנו **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א.**

*

***יום רביעי פרשת ויקהל***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **מאיר ישראל איסר לודמיר** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש בראשוב.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום חמישי פרשת ויקהל***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה במעלת וקדושת יום השבת קודש, ולנצל את יום השבת כראוי.

***וזה תוכן הדברים:***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די מצוה פון שבת. משה רבינו האט מצווה געווען, ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קודש שבת שבתון לה' (שמות לה-ב). די גמרא (ביצה טז.) זאגט, מתנה טובה יש לי בבית גנזי, ושבת שמה. דער אייבערשטער גיט פאר אונז א מתנה טובה וואס הייסט שבת, לך והודיעם, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ער זאל זיי מודיע זיין. נישט יעדער ווייסט וואס פאר א שיינע מתנה מען האט, וואס דער שבת איז. שבת איז כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין (זוה"ק ח"ב פח.). **אויב א מענטש פירט זיך אויף שבת ווי עס דארף צו זיין, ברענגט עס אים אן השפעה אויף די וואך. א**

**גשמיות'דיגע השפעה, און א רוחניות'דיגע השפעה.** שבת איז קובע ווי אזוי די וואך שפעטער וועט אויסקוקן, אלע ברכות זענען תלוי אינעם שבת.

**איך** האב היינט געטראכט, מען זאגט אין לכה דודי, לקראת שבת לכו ונלכה, לאמיר גיין אנטקעגן דעם שבת, כי היא מקור הברכה, שבת איז דער מקור פון די ברכה. מראש מקדם נסוכה, דער פשוט'ער פשט איז, דער שבת איז נאך מראש, דער אייבערשטער האט דאך גערוהט אינעם זיבעטן טאג. סוף מעשה, דער שבת איז געווען דער סוף מעשה, זעקס טאג האט דער אייבערשטער געטון בריאת העולם, און דער סוף מעשה איז געווען שבת. במחשבה תחלה, דאס איז פארן אייבערשטן שוין געווען פון פריער אין דער מחשבה, לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה.

**איך** האב געזען א משל אויף די חשיבות פון שבת. דער מענטש איז צוזאם געשטעלט פון רמ"ח אברים. א קאפ, צווי הענט, און צווי פיס, און דער קאפ פירט אלעס. אמאל זענען זיך די אברים צוזאם געקומען, און זיי האבן זיך אויסגע'טענ'ט מיטן קאפ, און זיי האבן געזאגט, אלע שווערע ארבעט וואס איז דא, טוען מיר. די הענט ארבעט, די פוס גייען, מיר טוען די גאנצע ארבעט. און ווען עס קומט צום עסן, גיט מען עס אריין אין מויל, דער קאפ איז נהנה דער ערשטער פון די מאכלים. פארוואס קומט עס נישט פאר אונז, מיר טוען די שווערע ארבעט פונעם גוף, פארוואס באקומט עס דער קאפ. דער קאפ איז נאר א קליינער חלק פונעם מענטש, די קאפ איז נאר א זיבעטל חלק פונעם מענטש. א מענטש איז הויך דריי אמות, וואס איז זעקס האלבע אמות, די קאפ פון א מענטש איז בערך א האלבע אמה, בערך א זיבעטל פונעם מענטש איז דער קאפ, און די איבריגע זענען די איבריגע איברים. פארוואס באקומט דער קאפ מער חשיבות פון א צווייטן. פארן קאפ גיט מען דאס עסן, און נישט פאר אונז. ווען עס קומט צו רעדן, ווען מען דארף איינעם מכבד זיין צו רעדן, איז מען מכבד די מויל צו רעדן. פארוואס איז מען נישט מכבד די הענט און פיס? האט די קאפ געענטפערט, אמת טאקע עטץ זענטס רוב פון די אברים, אבער דאס אז דיין הענט קען זיך רירן, און דאס אז דיינע פיס קענען גיין, ווענדט זיך אלעס אין די קאפ. דער מוח וואס איז דא אינעם קאפ דאס גיט ענק די חיות, ווען נישט דער קאפ האסטו נישט קיין הענט, און דו האסט נישט קיין פיס, דו ביסט א טויטער מענטש. איז ממילא קומט זיך די חשיבות פארן קאפ, ווייל דער קאפ איז דער וואס טוט פירן אלע איברים. האט איינער אמאל גענומען דעם תירוץ און געזאגט, אז עס איז א סימן אז דער קאפ האט אויף זיך א קאפ, ער ווייסט וואס צו ענטפערן. אז אלע אנדערע איברים זענען תלוי אינעם קאפ, דארף מען געבן פארן קאפ, די גרעסטע חשיבות.

**עס** איז דא זעקס טעג אין די וואך, און עס איז דא דער שבת. דער שבת איז דער קאפ פון די וואך, כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, די גאנצע ברכה פון די וואך, אז אלע אברים, די גאנצע וואך זאל אדורך גיין ווי עס דארף צו זיין, מען זאל האבן אלעס וואס עס פעלט אויס, עס זאל נישט זיין קיין מכשולות אין משך פון די וואך, אלעס איז ווי אזוי מען איז מקדש דעם שבת. קומט אויס, אז מען דארף מכבד זיין דעם שבת במאכל ובמשתה, מיט עונג שבת, ווייל ער איז דער קאפ פון די וואך. אזוי ווי דער קאפ פונעם מענטש, האבן די אברים פארשטאנען, אז עס קומט זיך דער כבוד פארן קאפ פון די איבריגע אברים, ווייל אן די קאפ, זענען די אברים נישט קיין סאך ווערט. די זעלבע איז דער שבת דער קאפ פון די וואך, און מען דארף מכבד זיין דעם שבת.

**זאגט** מען, 'לקראת שבת לכו ונלכה', לאמיר גיין אקעגן דעם שבת, מקבל זיין דעם שבת. 'כי היא מקור הברכה', ווייל דער שבת דאס איז דער מקור פון די ברכה. אז עס זאל זיין א ברכה אין די גאנצע וואך, איז אלעס תלוי אינעם שבת. מען דארף מקבל זיין דעם שבת ווי עס דארף צו זיין, ווייל דאס איז דער מקור פון די ברכה. וואו זעהן מיר אזא משל, 'מראש מקדם נסוכה', מען זעהט פון דעם וואס דער קאפ איז קדם, וואס דער קאפ איז פריער פון אלע אנדערע אברים, אפילו דער קאפ איז דאך נאר א זיבעטל פונעם מענטש, פארוואס איז ער פריער פון עפעס אנדערש. ווייל 'סוף מעשה במחשבה תחלה', וואס די אברים דארפן צו טון, ווענדט זיך אינעם קאפ. די סוף פון די מעשה קענען די אברים נישט טון אן א קאפ. איז פונקט ווי די זעהסט ביי די קאפ, אז דער ראש דאס איז מקדם נסוכה, די ראש דאס איז דער קדם, דאס איז דער עיקר, ווייל אלע אברים וואס טוען די מעשים, איז אלעס תלוי במחשבה

תחלה, איז אלעס תלוי אינעם קאפ. אזוי דארפן מיר מחשיב זיין דעם שבת, צו וויסען אז דער שבת דאס איז דער קאפ, און אז מען האט נישט דעם שבת וואס מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, פעלט די גאנצע וואך שפעטער.

**עס** שטייט אין **קדושת לוי** (פ' כי תשא ד"ה ושמרו), אז איינמאל שטייט (שבת קיח:) אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלים, אויב מען וואלט אפגעהיטן צוויי שבתות, וואלט מען אויסגעלייזט געווארן, און איין פלאץ שטייט (ירושלמי תענית א-א), אז שבת אחת. האט דער **קדושת לוי** געזאגט, לעולם איז געגוג איין שבת, אבער כדי א שבת זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, דארף מען האבן א וואך וואס זאל זיין א געהעריגע וואך. אז מען האט א ערליכע וואך, האט מען א ערליכען שבת. ווי אזוי קען מען האבן א ערליכע וואך, מוז מען האבן קודם א שבת פארדעם. די ערשטע שבת גיט אריין, אז מען זאל האבן א ערליכע וואך, און נאכדעם קען מען האבן א געהעריגע שבת. די עיקר איז דער שבת אחד, אבער דער איינער שבת, דארף זיין א שבת וואס איז בשלימות. און צו דעם שבת בשלימות, דארף מען האבן קודם א שבת וואס גיט אריין א השפעה פאר די וואך, און נאכדעם קען מען האבן די קדושה פונעם שבת.

**שבת** איז א מתנה טובה, נישט א מתנה טובה אז מען רוהט זיך אויס, און אז מען דארף נישט קומען אין ישיבה, נאר **שבת איז א מתנה טובה, וואס מען קען קונה זיין אסאך קדושה אין שבת. טאקע וועגן דעם, ווייל עס איז נישט דא קיין ישיבה, און ווייל מען איז פאר זיך פריי, קען מען רואיג דאווענען, מען קען רואיג לערנען, ער קען זיך האבן זיינע סדרים. די סעודות שבת קען מען פירן אויף א בעל בתיש'ן אופן, און מען קען עס פירן אזוי ווי א בן תורה פירט עס. עס קען זיין אז די קאפ ליגט נאר אין עסן, טרינקען, און טשאלענט און אלעס ארום, און אמאל קען זיין אז די שבת'דיגע סעודה איז א רוחניות'דיגע סעודה, מען זאגט דברי תורה ביים טיש, מען זינגט זמירות. די וואס האבן א גוטע קול דארפן אנפירן די זמירות אינעם שטוב. עס האט נישט צוטון וואס דער טאטע טוט, זמירות קענען די קינדער אויך זינגען. דער טאטע איז אויסגעמוטשעט פון די גאנצע וואך, מען דארף נישט קוקען דערויף, א בחור איז אויסגערוהט, און ער קען זינגען זמירות, און ארויפברענגען די גאנצע ווארימקייט אינעם שטוב מיט א שבת'דיגע סעודה.** דאס איז דער מתנה טובה שיש לי בבית גנזי, מען דארף וויסען אויסצונוצען די מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן.

*

תפלת מנחה התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל הישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי בלימוד **אור החיים הק'**.

***<u>נצטט קטע מתוך השיעור:</u>***

**ויצאו** כל עדת בני ישראל מלפני משה (שמות לה-כ). זאגט דער **אור החיים הק'**, פירוש, מלפניו, זיי זענען ארויסגעגאנגען פאר משה רבינו איז ארויסגעגאנגען. זיי האבן נישט געווארט אז משה רבינו זאל קודם ארויסגיין און נאכדעם וועט יעדער אהיימגיין, נאר זיי האבן געלאזט משה רבינו זיצן אויף זיין פלאץ, און יעדער האט זיך אויפגעהויבן און מען איז אהיימגעגאנגען. קודם שיתן להם רשות לעמוד מלפניו, פאר משה רבינו האט זיי געגעבן רשות אז מען קען אוועקגיין, האבן זיי זיך אויפגעהויבן און זיי זענען אהיימגעגאנגען. והגם דאמרינן (רש"י יומא נג:) שאין רשות לתלמיד לעמוד מלפני רבו, עד שיתן לו רשות, כאטש א תלמיד האט נישט קיין רעכט זיך אויפצוהייבן פון זיין רבי, ביז דער רבי זאגט נישט אז מען קען גיין. מען מוז האבן רשות פונעם רבי אועקצוגיין, פארוואס איז געווען דא ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה, פאר זיי האבן באקומען רשות פון משה רבינו, זענען זיי אוועקגעגאנגען. זאגט אויף דעם דער **אור החיים הק'** צוויי תירוצים. איינס, אז עס איז כאילו זיי האבן באקומען רשות. ווייל אזוי ווי ער האט זיי געהייסען עפעס טון, קחו מאתכם תרומה, מען זאל נעמען תרומה, איז ווען ער האט געענדיגט פארוואס מען דארף די תרומה, איז כאילו ער האט זיי געזאגט, אז ווען איך ענדיג צו רעדן, זייטס מקיים וואס איך האב פון ענק פארלאנגט. צווייטענס זאגט דער **אור החיים הק'**, אז עס קען זיין אז זיי האבן טאקע געטון א זאך וואס איז נישט ריכטיג, זיי האבן נישט געווארט אוועקגיין ביז משה רבינו גיט זיי רשות, אבער זיי האבען געהאט אזא תשוקה צו ברענגען געלט פארן משכן ה', אז אהבה מקלקלת את השורה (סנהדרין קה:). ווען א מענטש האט ליב א זאך, איז אסאך מאל פארלירט ער זיך, און ער איז מקלקל

די שורה. אזוי איז געווען ביי יודען, פון די אהבה וואס זיי האבן געהאט צו בויען א משכן פארן אייבערשטען, האבן זיי זיך פארלוירן, און זיי זענען ארויסגעגאנגען מלפני משה, אן דעם וואס זיי האבן באקומען רשות ארויסצוגיין פון אים.

**...אין** די מפרשים שטייט נאך א הסבר, אויף ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה. **ווען א מענטש געפונט זיך ביי א צדיק, איז דער צדיק משפיע אויף אים ערליכקייט, תורה און עבודת ה'. איינער וואס זיצט באהלה של תורה, ער זיצט אין בית המדרש, איז דער בית המדרש משפיע אויף אים, אז ווען ער גייט ארויס, דערקענט זיך אז ער איז נישט איינער וואס דרייט זיך ארום אויף די גאסן, נאר ער קומט ארויס פון א מקום תורה, דאס ערליכקייט דערקענט זיך אויפן פנים.**

**עס** איז אמאל דא וואס א מענטש טוט פעולות, און מען קען דערקענען אויף אים, פון וואו ער איז געקומען.ווען מען זעהט אויף די גאס א שיכור, און ער קען נישט גיין גראד, דארף מען אים נישט פרעגן פון וואו ער קומט, יעדער דערקענט אויף אים, אז ער קומט פון א ווערטס הויז, ער קומט פון א קרעטשמע. אויב נישט, וואלט ער נישט געווען שיכור. **אויף א בן תורה דארף זיך דערקענען שטענדיג, אפילו ווען ער איז אינדרויסן פונעם בית המדרש, אז ער קומט פון א מקום תורה, ער קומט פון א פלאץ וואו ער האט געלערנט.** קוק ווי אזוי עס קוקט אויס א בחור פון ישיבה ווען ער גייט ארויס, און קוק ווי אזוי א גוי גייט ארויס פון פאבליק סקול, ווי אזוי ער איז צולאזט, תיכף זעהט מען פון וואו ער קומט, מען דארף נישט פרעגן פון וואו ער קומט. אויף א בחור וועט מען וויסן אז ער קומט פון ישיבה, און אויף דעם גוי וועט מען דערקענען, אז ער קומט פון א צולאזט פלאץ, און וועגן דעם זעהט ער אזוי אויס.

**ווען** יודען זענען ארויסגעגאנגען פון משה רבינו, האט זיך דערקענט אויף זיי אז זיי זענען יעצט געווען אונטער אזא הייליגען רושם פון משה רבינו. די קדושה וואס איז געווען ווען משה רבינו האט גערעדט צו יודען, און ער האט זיי איבערגעגעבן די תורה, איז געווען ניכר אויף זייער פנים פון וואו זיי קומען. ויצאו כל עדת בני ישראל, ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען, האט מען דערקענט 'מלפני משה', זיי קומען ארויס פון משה רבינו. ווייל די קדושה וואס משה רבינו האט ארויפגעלייגט בשעת מען איז געווען אין זיין סביבה, האט צוגעברענגט דערצו אז עס איז געווען ניכר אויף זיי, ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען.

**עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין דעם ווינטער אויף א חתונה, און עס זענען געווען דארט בחורים פון א ישיבה וואו דער חתן האט געלערנט, און זיי האבן זייער שיין געטאנצט, ערליך און וואויל. און איך האב געקוקט מיט אזא התפעלות וואס פאר א וואוילע בחורים זיי זענען. נאכן טאנצן האט מען אריינגעברענגט א שיסל צושניטענע פרוכט, ווען מען האט אריינגעברענגט די פרוכט, זענען אלע ארויפגעשפרינגען דערויף, כאילו עס וואלט געווען א הונגער יאר, וואס מען האט גארנישט געגעסן. יעדער האט געכאפט, כאילו מען ברענגט די ערשטע מאל צו עסן. עס האט אזוי אוועקגענומען דעם שיינעם טעם וואס עס האט געהאט פארדעם. אהבה מקלקלת את השורה, אז מען האט ליב א גוט מאכל, איז עס מקלקל די שורה, מען פארלירט דעם קאפ, און מען טוט זאכן וואס איז נישט ריכטיג. א בן תורה דארף נישט זיין א בן תורה נאר בשעת ער איז אין בית המדרש, נאר אפילו ווען עס איז ויצאו כל עדת בני ישראל, ווען מען גייט ארויס פון משה רבינו, דארף מען דערקענען 'מלפני משה', די וואס זענען יעצט ארויסגעקומען זענען געשטאנען פאר משה רבינו. א בן תורה דארף מען דערקענען וואו ער גייט. מען דארף וויסן אז מענטשען שעצן א בן תורה, און זיי טוען באטראכטן אז א בן תורה דארף זיך אנדערש אויפפירן ווי א צווייטער. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען איז אין בית המדרש, און מען לערנט יעצט, צו עס איז דא א סדר אין ישיבה, צו ער איז אויף די גאס, אייביג דארף מען דערקענען אויף א בן תורה, אז דאס איז איינער וואס זיצט און לערנט.** ויצאו כל עדת בני ישראל, ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען האט מען דערקענט, מלפני משה, אז זיי זענען יעצט ארויסגעקומען פון משה רבינו.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן ש"ב **הרה"ג רבי זלמן לייב וואגשאל שליט"א** (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **משה** (ב"ר חיים אלעזר) **שפיץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב שמואל פישער** הי"ו, שהתקיים באולם ספינקא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון מחצית השקל. זה יתנו כל העובר על הפקודים, מחצית השקל בשקל הקודש (שמות ל-יג). די גמרא (מנחות כט.) זאגט, נתקשה משה במחצית השקל, און ווי די מפרשים טייטשען, וואס איז דער ענין פון א 'מחצית' השקל. ביי יעדע זאך האט דאך א חשיבות א דבר השלם, פארוואס האט דא דער אייבערשטער מצווה געווען, אז מען זאל געבן א מחצית השקל. און דער פסוק (שמות ל-טז) ענדיגט דערויף, והיה לבני ישראל לזכרון לפני ה', עס זאל זיין א זכרון פארן אייבערשטען, לכפר על נפשותיכם. די פשוטע פשט איז, אז עס איז געווען א כפרה אויף וואס מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, און אויף דעם האט מען געגעבן דעם מחצית השקל.

**עס** קען זיין לענינינו וואס ער זאגט והיה לבני ישראל לזכרון, עס איז געווען א זכרון פאר יודען, לפני ה'. איך האב געזען א טעם פארוואס מען האט געגעבן נאר א מחצית השקל מכפר צו זיין אויפן חטא העגל. מען ווייסט דאך אז בשעת מען האט געזינדיגט, האט אהרן געבעטען אז מען זאל בעטן די נזמי זהב פון די נשים. און די נשים האבן נישט געוואלט געבן זייער חלק פארן עגל, נאר די מענער האבן געגעבן, אבער די נשים האבן נישט געזינדיגט ביים חטא העגל. וועגן דעם האבן זיי זייער יום טוב, ראש חודש, אזוי שטייט אין די פוסקים (**בית יוסף** או"ח סימן ת"ז).

**א** מאן און ווייב איז יעדער איינער א האלבער גוף, צוזאמען איז זכר ונקבה בראם וגו', ויקרא את שמם אדם (בראשית ה-ב). יעדער פאר זיך איז נאר האלב, צוזאמען איז מען א אדם השלם. אז מען דארף א כפרה אויפן חטא העגל, דארף מען נישט קיין גאנצע כפרה, מען דארף נאר א האלבע. דער מאן האט געזינדיגט, אבער זי האט נישט געזינדיגט, זי האט נישט געהאט א חלק אינעם חטא העגל. וועגן דעם איז געווען די מצוה צו געבן נאר א מחצית השקל לכפר על נפשותיכם, צו ווייזען אז א מאן און ווייב זענען איינס, יעדער איינער איז נאר א האלבער, א פלג גופא. און אזוי ווי די פרויען האבן נישט געזינדיגט, איז ממילא דארפן זיי נישט האבן א חלק אין די מצוה פון מחצית השקל.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז ביי די נדבת המשכן שטייט (שמות לה-כב) ויבואו האנשים על הנשים, און זיי האבן געברענגט זייערע נדבות. די נשים זענען געווען צדיקים גמורים, זיי האבן נישט געהאט קיין שייכות צום חטא העגל, זיי דארפן נישט האבן א כפרה, אז דער משכן זאל מכפר זיין. די מענער זענען געווען בעלי תשובה, זיי האבן געזינדיגט ביים חטא העגל, און זיי האבן געדארפט יעצט מכפר זיין, און ברענגען פארן משכן די זהב וואס זיי האבן געגעבן פארן עגל. במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד (ברכות לד:), בעלי תשובה שטייען העכער פון א צדיק. ויבואו האנשים על הנשים, די אנשים זענען געווען דא אין א העכערע מדריגה פון די נשים, די נשים זענען געווען א בחינה פון צדיקים, און די מענער זענען געווען אין א בחינה פון בעלי תשובה, און א בעל תשובה שטייט העכער פון א צדיק גמור.

**על** כל פנים האט דאך געוויזען דער מחצית השקל, אז א מענטש זאל וויסען, אז ער איז נאר א פלג גופא, און ווען מען האט חתונה, צוזאמען ווערט דער מענטש אויפגעשטעלט, און ער ווערט א אדם השלם. והיה לבני ישראל לזכרון, די מצוה פון מחצית השקל, דאס דארף בלייבען א זכרון פאר בני ישראל, א מענטש זאל געדענקען, אז ווען מען שטעלט אויף א שטוב, איז נישט איינער מער און איינער וויניגער. בדרך כלל האלט זיך דאך דער מאן אז ער איז דער חשוב'ער, און זי איז וויניגער חשוב. אבער דער אמת איז, אז ער איז נאר א מחצית השקל. א מענטש קען נישט צוקומען צו זיין שלימות, אן דעם וואס ער האט א עזר כנגדו, וואס שטעלט אים צו וואס ער דארף צו האבן. און פארקערט אויך, ביי איר איז איר שלימות דאס וואס זי שטעלט זיך צו, צו איר מאן, צו דעם וואס ער דארף צו האבן. יעדער דארף טון זיין פליכט אין שטוב, און מיט דעם ווערט אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל. איז דער מחצית השקל וואס ווייזט

אז יעדער איינער איז נאר א מחצית, דאס דארף זיין א זכרון לבני ישראל, וויסן אז איך בין נישט דער בעל הבית אינגאנצן, עס איז דא א צווייטער אין שטוב, זיך רעכענען איינער מיטן צווייטן, יעדער איינער איז נאר א חלק, און צוזאמען שטעלט מען אויף א בית נאמן בישראל.

*

משם חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל שמחת התנאים של בן **הרה"ג רבי מרדכי ווייסמאנדל שליט"א** (בן מחותנו הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי גדלי' ליעבערמאן שליט"א**, שהתקיים באולם בית רחל.

*

***שבת קודש פרשת ויקהל***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ג אדר). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **אברהם ברוך באב"ד** שליט"א.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יואל לאנדא** שיחי', שישבו שבעה על פטירת בתם הילדה ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט נאכזאגן פון פריערדיגע צדיקים, אז עס איז דא אמאל וואס מען קומט אראפ אויף די וועלט, און מען האט זיך אלעס משלים געווען, נאר די שטוב וואו מען איז געבוירן אין די יונגע יארן האט אים געפעלט. די עלטערן זענען נישט געווען קיין ערליכע עלטערן, ביז מען איז געקומען צום שכל, און מען האט זיך געשטעלט אליין אויף די פוס. ווען מען קומט נאכאמאל אראפ אויף דער וועלט, דארף מען נאר משלים זיין די ערשטע פאר יאר. די נשמות וואס גייען אוועק פריער, זענען אזעלכע נשמות וואס די צווייטע העלפט האבן זיי שוין משלים געווען פון פריער, דארפן זיי דאס נישט יעצט משלים זיין. יעצט זענען זיי נאר משלים די ערשטע העלפט.

**אביה הר"ר יואל:** רבי שלמה רובין שליט"א (אב"ד ציעשנוב קרית יואל) האט געזאגט ביי די לויה, אז דער **סאטמארער רבי זי"ע**, איז געקומען מנחם אבל זיין ביי הר"ר **ישעי' יעקב שטויבער** וואס איז געזעסן שבעה נאך א קינד פון דריי חדשים אלט. האט דער רבי זי"ע געזאגט, 'אויב גלייבט מען אין דעם, אז א נשמה וואס קומט אראפ אויף די וועלט, אפילו נאר צו הערן איינמאל קידוש פון עלטערן, האט עס שוין געהאט זיין תפקיד אויף די וועלט, קען מען זיין א יוד, און מען קען זיין א מענטש. און אז מען גלייבט נישט אין דעם, קען מען נישט זיין, נישט א יוד און נישט א מענטש.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת מלוה מלכה לכבוד כלות הי"ב חודש לפטירת **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ זצוק"ל**, שהתקיים ביחד עם מעמד 'כתר הוראה' שע"י כולל דחסידי וויזניץ, בבית המדרש תורת חיים וויזניץ, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ברשות** כ"ק אדמו"ר שליט"א, ברשות כל הנאספים, וויל איך קודם באגריסן די חשובע יונגעלייט, די בני הכולל, וואס האבן געזעהן א ברכה במשנתם, און זיי זענען אויסגעשטיגן אין די יארן וואס מען איז געזעסן אין בית המדרש און געלערנט, נישט נאר אויף ללמוד, נאר זיי זענען צוגעקומען יעצט צו א דרגה פון ללמד, זיך געלאזט פארהערן, און זיי זענען נתעטר געווארן בעטרת הוראה צו קענען פסק'נען פאר יודישע קינדער. - עס איז אויך א כבוד צו באגריסן זייערע חשוב'ע עלטערן. עס איז נישט אזוי גרינג היינטיגע צייטן, אז מען זאל קענען זיצן און לערנען. די טירדות הפרנסה איז זייער גרויס, און אן די שטיצע וואס מען האט פון די שטוב, איז זייער שווער אז מען זאל קענען שטייגן אין תורה. רובם ככולם לערנען תורה מתוך הדחק. מען זעהט א וועלט פאר זיך, וואס גייען ארויס און מען פארדינט געלט, און מען איז אויף אלעם מוותר, מען זיצט אין שטוב און מען לערנט. איז עס א געוואלדיגער זכות פאר די עלטערן וואס שטייען צו דערצו, און זיי טוען צוהעלפן אז זייערע קינדער זאלן קענען שטייגן אין תורה. עס קומט זיי א חלק אין דעם זכות, און די אלע וואס זענען מוקיר תורה, וואס נעמען א חלק במשך פון א גאנץ יאר אויסצוהאלטן דעם כולל, אז עס זאלן קענען וואקסן די תלמידי חכמים פונעם קומענדיגען דור.

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, אז אין די משכן איז געווען דער ארון און די בדים. דער ארון ווייזט אויף די תלמידי חכמים, וואס זייער פלאץ איז אין קודש הקדשים, וואו עס איז נישט דא דארט עפעס אנדערש, נאר דער ארון און דער כפורת און די כרובים וואס אויף דעם איז געווען השראת השכינה. זיי טוען זיך פורש זיין פון די וועלט, זיי זיצן און דינען דעם אייבערשטן. צו דעם איז אבער געווען די בדי הארון. כדי מען זאל קענען טראגן דעם ארון, האט מען אריינגעלייגט אויף די צוויי זייטן, בדים, פשוטע העלצער, ויצף אותם זהב. דער אייבערשטער האט צוגעפירט, אז די וואס זענען מחזיק תורה, טוט ער זיי איבערדעקן מיט גאלד, אז זיי זאלן קענען מחזיק זיין תורה. און עס איז לא יסורו ממנו, די בדים טארן זיך קיינמאל נישט אפטון פונעם ארון. אלץ דארף זיין דער יששכר וזבולון, די וואס זיצן און לערנען תורה, און די וואס זענען מחזיק תורה.

**קוקן** קוקט עס אויס, ווי דער וואס לערנט תורה איז דער מקבל, און דער וואס שטיצט איז דער נותן. אבער מיר ווייסן אז עס איז נישט אזוי. זיי זענען נישט די מקבלים, זיי זענען די נותנים. זיי ברענגען אראפ די השפעה וואס עס זאל זיין אונטען, דאס קומט אראפ דורך די וואס זיצן און לערנען תורה, זיי ברענגען אראפ אז מען זאל קענען צוקומען דערצו, אז די בדים זאלן קענען זיין די וואס טוען צוהעלפן פארן ארון.

**אין** די גמרא (כתובות קיא:) שטייט, אז די עמי הארץ וועלן נישט זוכה זיין צו תחיית המתים. צו תחיית המתים וועט נישט זוכה זיין, נאר דער וואס איז געזעסן און געלערנט תורה. כי טל אורות טליך (ישעיה כו-יט), דרשנ'ט די גמרא, דער וואס האט אויף זיך טל תורה, איז טל תורה מחייהו, טוט אים די טל תורה מחיה זיין, דער וואס האט נישט קיין טל תורה וועט נישט קענען אויפשטיין תחיית המתים. ער קען האבן אנדערע זכותים, ער קען האבן גן עדן, ער קען האבן שכר אויף אלעם וואס ער האט געטון, אבער די נקודה פון תחיית המתים איז תלוי אין תלמוד תורה. די גמרא זאגט, אז רבי יוחנן האט זיך מצטער געווען ווען ער האט עס געהערט, און רבי אלעזר האט אים געזאגט, מצאתי להן תקנה, איך האב געטראפן א תקנה פאר זיי, אז זיי זאלן מחזיק זיין תורה, מהנה זיין תלמידי חכמים מנכסיהם, וועלן זיי זוכה זיין, אז זיי וועלן קענען אויפשטיין תחיית המתים. **א מענטש צאלט אוועק געלט פאר לייף אינשורענס וואס וועט פארזיכערן נאכן לעבן, נישט 'זיך' פארזיכערן, ער פארזיכערט נישט זיין לעבן, ער פארזיכערט נישט די קינדער'ס לעבן, נאר די קינדער, די יארן וואס זיי האבן, זאלן זיי האבן ברייטער, כדי צו האבן געלט. א מענטש מוז קויפן פאר זיך אליין לייף אינשורענס, ער זאל זוכה זיין צו חיי עולם הזה, אויפצושטיין תחיית המתים וואס איז נצחיות, לנצח נצחים, וואס מען איז זוכה מיט דעם וואס א יוד איז מחזיק תורה.**

**אויף** די בדי ארון שטייט אין פסוק (שמות כה-יד) אז עס איז געווען לשאת את הארון בהם. ווען עס קומט נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, ווען מען ליגט אין דעם ארון, איז די בדי הארון, דאס טראגט דעם ארון, דאס הייבט זיי אויף, און דאס טוט צוברענגען דערצו אז מען זאל קענען האבן אריכת ימים ושנים אויף שטענדיג. **עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די וואס טוען צוהעלפן. וויסן אז מען גיט נישט פאר יענעם. וואס מען גיט, גיט מען פאר זיך אליין. מען באקומט צוריק אסאך מער פון דעם וואס מען האט געגעבן, און פון וויפיל מען האט געגעבן.** דאס איז די חשיבות פון יששכר וואס זיצט און לערנט, און זבולון וואס טוט מחזיק זיין תורה.

*

**עס** ענדיגט זיך די וואך די י"ב חודש נאכן רבי'ן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. י"ב חודש איז א זמן פון שכחה, און דאס איז די סיבה פארוואס מען פירט זיך, אז ביי יעדן יארצייט קומט מען זיך צוזאם, כדי מעורר צו זיין מען זאל געדענקען, עס זאל נישט פארגעסן ווערן, וואס מען האט געהאט. - עס איז דא צדיקים וואס עס איז נישט דא ביי זיי קיין שכחה, חבל על דאבדין ולא משתכחין, זיי ווערן אוועקגענומען פון די וועלט, אבער עס ווערט קיינמאל נישט פארגעסן, עס איז נישט דא קיין שיעור שכחה. ווייל איינער וואס האט זיך געדרייט ביי ערליכע יודען, און ער האט צוגעזעהן ווי אזוי א שבת דארף צו זיין, ווען עס קומט דער שבת, ווערט נתעורר וואס מען האט געהאט, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט א לעכטיגער שבת. ער דערמאנט זיך ווי אזוי א יום טוב האט אויסגעקוקט, ווי אזוי א

פשוטער דאווענען איז געווען, דאס ווערט נישט פארגעסן. עס איז חבל על דאבדין ולא משתכחין, עס וואלט זיך נישט אויסגעפעלט זיך צוזאמצוקומען כדי מען זאל נישט פארגעסן, ווייל דאס ווערט נישט פארגעסן. פאר דעם וואס האט מיטגעלעבט דערמיט, און ער לעבט דערמיט שטענדיג, בלייבט איבער די חיות. וואס א תלמיד איז קונה ביי זיין רבי'ן, וואס א חסיד איז קונה ביי זיין רבי'ן, דאס בלייבט ביי אים אויף שטענדיג.

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (טז-ב), אמרת לה', אדנ-י אתה, טובתי בל עליך. לקדושים אשר בארץ המה, ואדירי כל חפצי בם. רש"י טייטשט, 'אמרת לה', כנסת ישראל זאגט פארן אייבערשטן, 'אדנ-י אתה', דו ביסט מיין הער. אלעס וואס איך האב, האב איך פון דיר. דו ביסט מיין הער וואס גיט מיר אלעס. 'טובתי', דאס גוטס וואס דו טוסט מיט מיר, 'בל עליך', ליגט נישט אויף דיר, אז דו דארפסט עס מיט מיר טון, די גיבסט מיר אלעס וואס איך דארף, דו ביסט עס נישט מחויב צו געבן. פארוואס גיבסטו עס מיר, 'לקדושים אשר בארץ המה', אין זכות פון די קדושים אשר בארץ המה, וואס זיי לעבן שוין נישט, זיי זענען שוין בארץ, זייער זכות שטייט ביי, אז דער אייבערשטער גיט גוטס פאר א יוד. 'ואדירי', מיין שטארקייט, דאס זענען די צדיקים, 'כל חפצי', וואס איך פארמאג, וואס איך האב מיין אייגענס, 'בם', איז פון זיי, זיי זענען די וואס זענען משפיע.

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **מהר"ם שיק**, נאך א כוונה אינעם פסוק. די גמרא (ברכות לג:) זאגט, הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, וואס א מענטש האט, אלעס באקומט ער פון הימל. דו ביסט געזונט, א מענטש נעמט עס נישט אליין, דער אייבערשטער גיט עס אים. דו האסט פרנסה, דאס איז נישט פון זיך, דער אייבערשטער גיט וואס מען האט. דער אייבערשטער גיט אז מען האט קינדער, און נחת פון די קינדער, דאס איז אלעס טובות וואס דער אייבערשטער טוט פארן מענטש. איין זאך איז דא וואס דער רבונו של עולם גיט נישט, און מען דארף עס אליין טון, דאס איז יראת שמים. הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, יראת ה', מקיים זיין מצות פונעם אייבערשטן, ליגן אין תורה מיט עבודת ה', דאס איז אלעס תלוי אינעם מענטש. אבער דער מענטש אליין קען נישט צוקומען דערצו אליינס. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געגעבן צדיקים אין יעדן דור, וואס די צדיקים טוען מדריך זיין דעם כלל ישראל, זיי געבן אריין חיות אין א יוד, אז מען זאל קענען צוקומען צו זיין יראת שמים וואס ער דארף צו האבן.

**זאגט** דער הייליגער **מהר"ם שיק**, אז דוד המלך זאגט, 'אמרת לה', איך זאג פארן אייבערשטן, 'אדנ-י אתה', דו ביסט מיין הער, אלעס באקום איך פון דיר. הכל בידי שמים, אלעס באקום איך פון דיר. אבער איין זאך וואס איך באקום נישט פון דיר, 'טובתי', דאס וואס איך בין גוט, איך האב אין מיר גוטע מדות. דאס וואס איך בין ערליך, און איך גיי אויפן גוטן וועג, דאס איז 'בל עליך', דאס האב איך נישט באקומען פון דיר, ווייל יראת שמים גיט נישט דער אייבערשטער. פון וואו האב איך עס יא? 'לקדושים אשר בארץ המה', פון די קדושים וואס געפינען זיך נישט דא, 'ואדירי', און פון די שטארקע, דאס זענען צדיקים וואס זענען כובש את יצרם, דארט איז 'כל חפצי', וואס איך פארמאג אין מיין טובה, 'בם', איז פון זיי.

**דאס** איז דער כח, וואס א צדיק טוט משפיע זיין אויף די אלע וואס זענען נאנט צו אים. דאס יראת שמים וואס מיר האבן, דאס ערליכקייט וואס מען האט, דארף מען וויסן און געדענקען פארוועם מיר האבן עס צו פארדאנקען. לקדושים אשר בארץ המה, זיי זענען די וואס טוען אין אונז אריין לייגן ערליכקייט אוןווארימקייט צו תורה און עבודת ה'.

*

**מען** געפינט ביי שאול המלך, ער האט געהאט א שר צבא וואס האט געהייסן אבנר. דער אבנר איז געווען א אדם גדול מאוד, אין פסוק (שמואל א יד-נ,נא) ווערט ער אנגערופן איינמאל אבנר, און איינמאל אבינר, מיט א יו"ד אינדערמיט. דער אבנר איז געווען שר צבא פון שאול המלך, און ווען מען האט אים גע'הרג'עט, און עס איז אנגעקומען די ידיעה פאר דוד המלך, האט דוד המלך מקונן געווען אויף אבנר, און ער האט געזאגט, שר וגדול נפל היום הזה בישראל (שמואל ב ג-לח), א שר און א גדול איז געפאלן ביי יודען. עס קען זיין אז פשט דערפון איז. אבנר איז געווען א זון פון נר. דער נר שטייט אין מדרש (ויק"ר ט-ב), אז ער איז געווען א אדם גדול, דער נר פלעגט אנצוצינדן ליכט במבואות האפלים, עס איז געווען

טונקל צו גיין אין די געסלעך, פלעג ער אנצוצינדן ליכט, און וועגן דעם האט מען אים גערופן נר, ער האט ליכטיג געמאכט וואו עס איז געווען טונקל. די מפרשים זאגן, עס איז נישט נאר פשט אז ער האט אנגעצינדן א ליכט וואו עס איז געווען טונקל, נאר ער האט געהאט אין זיך אזא געוואלדיגע קדושה, אז ער האט געקענט אריין שיינען אין מבואות האפלים, אין טונקעלע געסער, וואו עס איז טינקל אין תורה און עבודת ה' האט ער אויפגעלאכטן, דאס איז געווען די חשיבות פון דעם נר.

**דער** אבנר האט געהאט זייער א גרויסן טאטען. א **מענטש וואס האט א גרויסן טאטען, א תלמיד וואס האט א גרויסן רבי'ן, דארף שטענדיג געדענקן פאר זיינע אויגן וואס ער האט, וואס ער פארמאגט, וויסן ווי אזוי ער דארף זיך אויפצופירן. אז מען האט אן ערליכן טאטען, אז מען האט א ערליכן רבי'ן, דארף מען וויסן ווי אזוי מען דארף זיך צושטעלן דערצו. עס קען נישט זיין, אז ער האט א ערליכן טאטען, א אדם גדול, און ער וועט זיך אויפפירן ווי עס פאסט נישט. אז ער האט א רבי וואס איז א אדם גדול, און ער דרייט זיך דארט, און ער זאל נישט זיין דאס וואס מען ערווארט אז ער זאל זיין.**

**מען** געפונט ביי יוסף הצדיק, אז ער האט געהאט א שווערן נסיון, און נראית לו דמות דיוקנו של אביו, ער האט געזעהן דעם דמות דיוקנו פונעם פאטער. ער האט אנגעקוקט יעקב אבינו, דאס איז מיין הייליגער טאטע, און איך קען מיך אזוי אראפלאזען, און זיין אזוי נידריג ווען איך האב אזא טאטען? אז מען האט אנגעקוקט דעם טאטן אליין, דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז ער האט זיך צוריקגעהאלטן פון זינדיגן. - א טאטע מיינט נישט נאר א טאטע, א רבי איז אויך א טאטע. אזוי שטייט אין רש"י אויף ושננתם לבניך (דברים ו-ז) אז תלמידים ווערן אנגערופן בנים. א רבי איז א טאטע פאר א קינד, דאס איז נראית לו דמות דיוקנו של אביו, מען דארף שטענדיג האבן פאר די אויגן דעם דמות דיוקנו, און דעמאלטס קען מען זיך פירן ערליך.

**עס** שטייט ביי דוד המלך (מלכים א א-ה), אז ער האט געהאט א קינד אדוניה, ואדוניה בן חגית מתנשא לאמר אני אמלוך, ער האט געוואלט איבערנעמען די מלוכה. און דער פסוק זאגט, ולא עצבו אביו מימיו, דוד האט אים קיינמאל נישט פארגעהאלטן, לאמר, צו זאגן, מדוע ככה עשית, פארוואס האסטו אזוי געטון [עס איז די הפטורה אין פרשת חיי שרה]. עס שטייט אין די מפרשים, אז דער פשט איז נישט, אז דוד המלך האט אים נישט מוסר געזאגט, עס איז דא א מצוה אין די תורה (ויקרא יט-יז) הוכח תוכיח את עמיתך. דוד המלך איז געווען א גרויסער מוכיח, האט ער געזאגט מוסר פאר זיינע קינדער אויך. נאר דער פסוק רעדט זיך אפ אויף דעם אדוניה, דו האסט אזא הייליגן טאטען ווי דוד המלך, ווי קומט צו דיר אז דו זאלסט זיך קענען מתנשא זיין, אז דו זאלסט זיך קענען שטאלץ האלטן, און זאגן אני אמלך? אז מען האט א טאטען אזוי ווי דוד המלך, איז עס מחייב באמת, און מען דארף נישט קיין מוסר. ווען דו וועסט אנקוקן דעם דוד המלך, און דיך אנקוקן, וואס דו דארפסט זיך צושטעלן אלץ א קינד פון דוד המלך, איז עס שטארק מחייב אז דו דארפסט זיך פירן אויפן ריכטיגן וועג. און דער פסוק רעדט זיך אפ אויף דעם אדוניה, 'ולא עצבו אביו מימיו', דאס וואס ער האט אזא טאטען, האט אים קיינמאל נישט צוריקגעהאלטן, 'לאמר', ער זאל פאר זיך אליינס זאגן, 'מדוע ככה עשית', פארוואס טוסטו אזוי. פאסט עס פאר א קינד פון דוד המלך זאל אזוי צו טון? דער פסוק רעדט זיך אפ אויף אדוניהו, די גרעסטע מוסר וואס א מענטש דארף האבן, איז זיך אראפצולערנען פון זיין טאטען, פון זיין רבי'ן, און גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**אבנר** איז אויסגעוואקסן אזוי גרויס, שר וגדול נפל היום בישראל, ווייל ער האט געהאט א נר וואס האט מאיר געווען מבואות האפלים, און ער האט שטענדיג געהאט דעם טאטען פאר זיינע אויגן, עס איז געווען נראית לו דמות דיוקנו של אביו, וועגן דעם איז ער אויסגעוואקסן אזא שר וגדול בישראל. און מען האט אים גערופן אבנר, א"ב נ"ר ער האט שטענדיג געהאלטן פאר זיינע אויגן, מיין טאטע איז נר, און אז מיין טאטע איז נר, וואס איז מאיר מבואות האפלים איז דאס מיר מחייב, ווי אזוי איך דארף זיך צו פירן, וועגן דעם איז ער אויסגעוואקסן א אבנר וואס איז געווען א שר וגדול בישראל.

**א צורה פון א רבי'ן וואס מען האט אזויפיל קונה געווען, און ווייניג חסידים האבן אזעלכע רבי'ס וואס מען האט געקענט אזויפיל קונה זיין בחייו, דאס איז**

**מחייב. דאס דארף מען שטענדיג האבן פאר די אויגן, פון וואו איך שטאם, פון וואו איך קום, ווי אזוי איך דארף זיך צו פירן, ווי אזוי עס דארף זיין מיין הנהגה. אז מען האט אזא רבי׳ איז דאס מחייב ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, און גיין אין די וועגן וואס ער האט געפאדערט.**

*

**איש** יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכ״י (אסתר ב-ה), דער נאמען פונעם רבי׳ן, ער איז געווען א איש יהודי בשושן הבירה. און דער פסוק רעכנט אויס, אז ער איז געווען א איש ימיני. די גמרא (מגילה יב:) שטעלט זיך, איז ער געווען א איש יהודי, צו איז ער געווען א איש ימיני. ער האט געשטאמט פון יהודא אדער פון בנימין. איש יהודי היה בשושן הבירה, ווייניג יודען זענען געווען אין שושן הבירה? עס זענען געווען טויזענטער יודען אין שושן הבירה? אוודאי זענען געווען דארט חשובע יודען, אבער עס איז געווען איין יוד וואס איז ארויסגעשטאנען, וואס ער איז געווען דער מרדכי וואס איז ארויסגעשטאנען ווען יודען זענען געווען בשפל המצב, ווען יודען זענען געווען משתחוים לצלם, ווען יודען זענען געווען נהנו מסעודתו של אותו רשע. איז געווען איש יהודי, איין יוד האט זיך אויפגעשטעלט, און ער האט געשריגן מען טאר דאס נישט טון! מען טאר זיך נישט בוקן צו א צלם! מען דארף נישט נהנה זיין מסעודתו של אותו רשע! ער האט געפאדערט פונעם ציבור, ווי אזוי א יוד דארף זיך אויפפירן. ווייל ער איז געווען צוגעבינדן צו די תורה הק׳. די תורה האט געלעבט אין מרדכי הצדיק. און אז מען האט תורה, קוקט מען נישט אויף קיין שום זאך. וואס די תורה זאגט, דאס מעג מען טון. און וואס די תורה זאגט אז מען טאר נישט טון, וועט קיין שום חלל דעלמא עס נישט קענען משנה זיין. די תורה איז ניתנה מימינו של הקב״ה, מיט די רעכטע האנט האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה, ממינו אש דת למו (דברים לג-ב). איש יהודי היה בשושן הבירה, פארוואס איז געווען אזא איש יהודי בשושן הבירה, וואס האט זיך געקענט ארויסשטעלן און נישט געקוקט אויף קיין שום זאך, און ער האט אויסגעשריגן דעם דבר ה׳. ווייל ער איז געווען איש ימיני, ער איז געווען צוגעבינדן צו די תורה הק׳. ביי אים איז נישט געווען עפעס אנדערש נאר תורה. און דארט וואו עס איז דא נאר תורה, פאדערט מען תורה, און דאס פארלאנגט ער פון זיין ציבור, און וועגן דעם איז מרדכי צוגעקומען אז ער איז געווען דער עומד בשער, און ער האט מציל געווען שפעטער גאנץ כלל ישראל פון די גזירה וואס איז דעמאלטס געווען.

**חסידים** וואס האבן געהאט א זכיה צו האבן אזא רבי׳ן, דארפן געדענקן וואס ער האט געפאדערט פון אונז. און אז מען געדענקט וואס מען האט געפאדערט, ווייסט יעדער איינער אז די ערשטע זאך איז געווען לימוד התורה, שטענדיג געפאדערט און געבעטען לערנען. ער האט געטון זאכן וואס קיינער האט זיך נישט געטרויעט פארדעם, צו פארלאנגען א שעות צעטיל. שרייבן וויפיל שעות מען האט געלערנט. און ער איז געשטאנען דערויף בתוקף. ווייל ער איז געווען איש ימיני, ער איז געווען א יוד פון תורה. ביי אים האט נישט אינטערעסירט עפעס אנדערש אויף די וועלט, נאר תורה הק׳. וואס תורה איז געשטעלט אז מען זאל לערנען תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), מען דארף נישט קיין דרשות, מען דארף נישט קיין מוסר זאגן, תורה איז מעדן דעם מענטש, תורה טוט אויסאיידלען א יוד וואס לערנט תורה. דער איש ימיני, דער וואס איז דבוק אין תורה, ברענגט דאס דערצו שפעטער, אז מען זאל זיין א איש יהודי אין אלעם וואס מען דארף.

*

**עס** איז מיר אויסגעקומען צו זיין דא דעם ערשטן שבת וואס דער רבי זאל זיין געזונט האט געפירט טיש. די ערשטע תורה וואס ער האט געזאגט ברבים, איז געווען אויף איין נקודה, תורה. דער רבי האט פארלאנגט אז מען דארף לערנען תורה, צופרי פארן דאווענען לערנען, שבת לערנען תורה, אלע פרייע זמנים דארפן זיין תורה, דאס איז די נקודה וואס פאדערט זיך פון א חסיד פון א רבי׳ן, צו גיין אין דעם וועג, געדענקען שטענדיג פאר זיינע אויגן, ולא עצבו אביו מימיו לאמר מדוע ככה עשית, מען דארף זיך אליין פרעגן, פארוואס זעה איך אזוי אויס? אז מען האט אזא רבי׳ן דארף מען וויסן וואס ער פאדערט פון אונז, און ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**כי** מרדכי היהודי גדול ליהודים, ער איז געווען גרויס פאר די אידן, דורש טוב לעמו, אין טוב אלא תורה

(אבות ו-ג), ער האט שטענדיג דורש געווען תורה. דורש טוב, ער האט געפאדערט לערנען, און דאס איז וואס מיר דארפן מיטנעמען מיט זיך. ווען מען גייט אריין אין דעם סיום פונעם י"ב חודש, אז מען וויל נישט עס זאל נשתכח ווערן פון אונז וואס מען האט געהאט, דארף מען לעבן אין דעם, וויסן אז ווען מען לערנט תורה דאס איז דער קשר וואס מען קען האבן מיט דעם צדיק.

**ער** רעכנט אויס וואס מרדכי הצדיק איז געווען, ודובר שלום לכל זרעו. ב"ה ער האט איבערגעלאזט א שטוב, אזויפיל קינדער, אלע זענען מנהיגים בישראל, 'ודובר', און ער האט גערעדט, אז עס זאל זיין 'שלום לכל זרעו'. ב"ה מען זעהט די געוואלדיגע שלום וואס עס איז דא צווישן די רבי'ס זאלן זיין געזונט, דארף מען עקסטער ארויסצוברענגען די נקודה דערפון, ודובר שלום לכל זרעו.

**עס** איז שווער צו רעדן, אבער מקצת שבחו של אדם בפניו, ער האט איבערגעלאזט פאר ענק א ממלא מקום וואס מען דארף זיך נישט שעמען. אלע מעלות וואס א מנהיג בישראל דארף האבן, האט עטץ באקומען. שייף עייל שייף ונפיק, וגריס באורייתא תדירא, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה (סנהדרין פח:), תורה און עבודת ה', בענוה ושפלות רוח, עס איז דא וואס מען זאל מקבל זיין. עס איז דא א משפיע, אבער עס דארף זיין א מקבל דערויף. וויסן עס איז דא פון וואו צו שעפען, און יעדער זאל זיך צושטעלן דערצו. אז מען וויל מקבל זיין, קען מען זייער אסאך שטייגן, און צוקומען צום שלימות וואס א יוד דארף צוקומען.

**עס** איז א פרישע הנהגה, און יעדער פארשטייט די חשיבות וואס מען שטעלט זיך צו אין אנהייב פון א זאך. מען איז זיך מבטל, און מען איז זיך מכניע, און מען העלפט ארויס מיט וואס מען קען. שפעטער ווען מען איז גרויס, איז שוין נישט קיין קונץ אז מען שטופט זיך. ווען מען הייבט אן, און מען שטייט צו הילף, האט עס א געוואלדיגע חשיבות. מען כאפט נישט אסאך מאל וואס דאס מיינט חיזוק וואס מען גיט אין די צייט וואס מען דארף עס צו האבן. דאס גיט דעם כח אז מען זאל קענען מרביץ תורה זיין, מען זאל קענען אריינשיינען ערליכקייט מיט קדושה וטהרה אין כלל ישראל.

**מען** רעדט פון חסידים און אנשי מעשה וואס עס איז נראית להם דמות דיוקנו של רבם, עס ליגט זיי פאר די אויגן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיין זכות זאל ווייטער מגין זיין פאר גאנץ כלל ישראל, און פאר אלע וואס זענען דבוק צו אים. עס איז זיכער אז ער איז עומד ומשמש אויבן אין הימל אזוי ווי ער איז געווען בחייו, און ער איז ממליץ טוב פאר אלע וואס טוען ארויס העלפן פאר די כולל, און פאר אלע אנדערע מוסדות התורה וואס ער האט אויפגעשטעלט דא אין אמעריקא מיט די אייגענע צען פינגערס. זאל דער אייבערשטער געבן, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, און מיר זאלן אלע אינאיינעם מיר זוכה זיין מיטן רבי'ן זאל זיין געזונט, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.